Publié par
l'Association
pour l'Etude
et la Diffusion de
la Culture Yiddish
AEDCY

דער יידישער
# טעם-טעם
אַ פּעריאָדיש בלעטל פֿאַר ייִדיש-לערנערס

אַ פּובליקאַציע
פֿון דער
געזעלשאַפֿט
פֿאַרן ייִדיש-למוד
**געפֿי"ל**

סיוון תשנ"ו / יוני 1996

יאָר 1, נומער 5

# װעגן משוגענע קי
# און אַנדערע בהמות

**פֿון אַלע זײַטן הערט מען הײַנטיקע צײַטן פֿון דער „משוגענע-קו"-קראַנקייט. די באַציִונגען צווישן פֿראַנקרײַך און ענגלאַנד זײַנען געפֿערלעך געשפּאַנט און אין גאַנץ אייראָפּע איז אויסגעבראָכן אַן אמתע בהלה[1].**




אין מיטלעלטער איז געווען פֿאַרשפּרייט אַ ייִדיש בוך, אַ מין „בעסט-סעלער", אַ זאַמלונג מעשׂיות, לעגענדעס און משלים וואָס האָט געהייסן „קו-בוך".

ווען מע שפּרינגט איבער נאָך עטלעכע הונדערט יאָר, קומט מען צום אָנהייב פֿון דער מאָדערנער ייִדישער ליטעראַטור. דאָרט געפֿינט מען אַ מעשׂה וועגן אַ ליבע, אַזאַ צאַרטע, אַזאַ רירנדיקע און האַרץ-רײַסנדיקע - אַן אמתע „ראָמעאָ און יוליע" - די ליבע צווישן אַ חדר-ייִנגל און זײַן קאַלב. די מעשׂה הייסט „דאָס קעלבל" און זי איז פֿון אונדזער „זיידע", מענדעלע-מוכר-ספֿרים.

צו ענדיקן די לאַנגע רשימה[12] פֿון ייִדישע קי גיבן מיר צו אַ ליד פֿונעם 20סטן יאָרהונדערט פֿון ב. י. ביאַלאָסטאָצקי וועגן אַ קו און איר מו.

און די משוגענע-קו פֿראַגע ? גאַנץ אייראָפּע וועט זיך איצטער דאַרפֿן אַרויספּלאָנטערן פֿונעם דאָזיקן פּלאָנטער. נאָר די וועגעטאַריער קענען הײַנט געזונט לאַכן.

1. BAHOLE panique ; 2. MALEGEYRET rumine ; 3. nourrir ; 4. BEKIVN exprès ; 5. PSOYLES ordures ; 6. ...POSL non-cachère ; 7. MUMKhIM experts ; 8. troupeaux ; 9. troupeaux ; 10. bétail ; 11. LUKhES tables de la loi ;12. RESHIME liste

וואָס איז דאָ צו זאָגן וועגן קי ? אַ קו איז אַ גאַנץ סימפּאַטיש באַשעפֿעניש. זי שטייט רויִק אין פֿעלד און מעלה-גירהט[2] שטילערהייט, קוקט זיך אַרום מיט אירע מילדע אויגן און שטערט קיינעם ניט. זי גיט מילך, מיר זאָלן קענען מאַכן פּוטער און סמעטענע, און שבֿועות עסן בלינצעס מיט קעז. זי לאָזט זיך שעכטן כּדי אונדז צו פֿאַרזאָרגן מיט געשמאַק זופּנפֿלייש, געפֿעפֿערט פּיקלפֿלייש, נישט צו דערמאָנען איר געפּיקלטע צונג און איר געהאַקטע לעבער.

טאָ וואָס טוט מען איר, נעבעך ? איינער אַ חכם טראַכט אויס נישט אַנדערש ווי אָנצוקאָרמען[3] זי מיט פֿליישיקס ! אַ בהמה וואָס גאָט האָט באַשאַפֿן בכּיוון[4] זי זאָל עסן גראָז. און נישט סתּם פֿליישיקס, נאָר פֿליישאָפּפֿאַל פֿון קראַנקע שאָף. וואָס האָט מען געמיינט, מיט אַזאַ באַהאַנדלונג וועט זי **נישט** משוגע ווערן ?

אַז מע וואָלט געבעטן אַן עצה בײַם קלענסטן רבילע פֿון קלענסטן שטעטעלע וואָלט ער אוודאי געזאָגט : מע טאָר ניט ! געבן עסן אַ בהמה פּסולת[5] איז טרייף-פּסול[6]. אָבער הײַנט צו טאָג ווער בעט עצות בײַ אַ רבין ?

פֿון אייביק אָן זײַנען ייִדן מומחים[7] אויף קי. אַבֿרהם אָבֿינו איז אַליין געווען אַ פּאַסטעך און דער גאַנצער תּנ"ך איז פֿול מיט שאָף און רינדער, מיט סטאַדעס[8] און טשערעדעס[9] פֿיי[10] און קי, שעפּסן און קעלבער. פֿאַר די קינדער פֿון ישׂראל זײַנען קי געווען אַ קוואַל פֿון רײַכקייט. אָבער איין מאָל איז אַ בהמה שיער ניט געווען די סיבה פֿון זייער אונטערגאַנג. דאָ מיינט מען אוודאי דאָס גאָלדענע קאַלב וואָס די ייִדן האָבן זיך געשאַפֿן בײַם באַרג סיני ווען משה איז אַרויף זיך איבעררעדן מיטן רבונו-של-עולם. פֿון כּעס האָט משה צעבראָכן די לוחות[11] און געדאַרפֿט ווידער אַ מאָל אַרויפֿקלעטערן אויפֿן באַרג און אויסבעטלען בײַם אויבערשטן נאָך אַ צענדליק געבאָט. אָבער אַחוץ דעם ווײַזט די מעשׂה וואָס פֿאַר אַ כּבֿוד ייִדן גיבן אָפּ קי.

ווען מע דאַרף זיך רייניקן פֿון זינד, וואָס טוט מען ? מע וואַשט זיך אָפּ מיט זייף אָדער מיט אַ ביסל שטאַרקוואַסער (זשאַוועל-וואַסער) ? ניין. מע קלײַבט אויס אַ רויטע קו, מע פֿאַרברענט זי אויף אַש און דאָס אַש מאַכט אַלץ ריין און כּשר. נאָך אַ באַווײַז אַז אַ קו איז בײַ ייִדן נישט קיין קליייניקייט.

# קו אײַן, קו אויס

אין אַ געוויסער מאָס קען מען טענהן[1] אַז די ייִדישע רעליגיע שטייט נישט נאָר אויף דער טרילאָגיע שבת-כּשרות-נידה[2], נאָר אויף די פֿיר פֿיס פֿון אַ בהמה : אונדזערע אָבֿות פֿון דור-המדבר[3] זענען געווען זייער שטאַרק אינספּירירט פֿון די פֿאַרשיידענע קי, אָקסן און קעלבער וואָס זענען אַרויסגעגאַנגען מיט זיי פֿון מצרים.

לאָמיר דערמאָנען דעם ערשטן באַווײַז וואָס מע קען לייענען אין ספֿר שמות[4]. דאָרט האָבן ייִדן אָפּגעשאַצט[5], בעת משה רבנו איז געווען אויפֿן באַרג סיני כּדי צו קריגן פֿון גאָטס הענט די צוויי לוחות, אַז די פֿעסטע סטאַטוע פֿון אַ געזונטן בוהײַ[6], אויסגעגאָסן פֿון גאָלד, וואָלט געווען אַ בעסערער, אַ מער באַשײַמפּערלעכער[7] גאָט ווי דער וואָס באַהאַלט זיך אין די הויכן און וואָס בלויז משה מעג אים זען פּנים אל פּנים. האָבן זיי געבעטן בײַ אהרנען, משהס ברודער, ער זאָל מאַכן פֿאַר זיי אַ גאָט. זיי האָבן אַראָפּגענומען פֿון זיך דאָס גאָלד און געגעבן אהרנען



און ער האָט געמאַכט אַ גילדענעם קאַלב און זיי האָבן זיך צו אים געבוקט. ווען משה איז אַראָפּ פֿונעם באַרג און האָט געזען וואָס די ייִדן האָבן געטאָן, האָט ער פֿאַר כּעס אַ וואָרף געטאָן די לוחות און האָט זיי צעבראָכן. נאָך דעם האָט ער פֿאַרברענט דאָס קאַלב אין פֿײַער. דאָס אַש, געמישט מיט וואַסער, האָט ער געגעבן טרינקען די בני-ישׂראל.

אויף אַ צווייט אָרט אין תּנ״ך האַנדלט זיך ווידער וועגן אַ בהמה וואָס ווערט נעבעך אויך פֿאַרברענט אויף אַש. אינעם ספֿר במדבר[8] באַפֿעלט גאָט די ייִדן, זיי זאָלן ברענגען אַ רויטע קו, אויף לשון-קודש פּרה-אדומה[9]. אַ כּהן[10] דאַרף זי פֿאַרברענען. דאָס אַש פֿון דער קו טויג פֿאַר אַ ריייניקונגס-מיטל פֿאַר די וואָס זענען געוואָרן אומריין פֿון אָנרירן אַ מת[11]. אָבער דאָס אַש פֿון דער קו האָט געהאַט די פֿאַרקערטע ווירקונג אויף די וואָס האָבן עס צוגעגרייט : עס האָט זיי פֿאַראומרייניקט. אַ מאָדנער גורל[12] פֿאַר אַ קו : דאָס אומריינע האָט זי געריייניקט און דאָס ריינע פֿאַראומרייניקט.

**1. TAYNEN affirmer ; 2. shABES-KASHRES-NIDE lois de Shabbath-Cacherouth-Pureté conjugale; 3. DOR HAMIDBER la génération du désert ; 4. SEYFER shMOYS Livre de l'Exode ; 5. jugé ; 6. jeune taureau ; 7. plus évident ; 8. BAMIDBOR Livre des Nombres ; 9. PORE-ADUME vache rousse ; 10. KOYEN prêtre; 11. MES cadavre ; 12. GOYRL destin**



# דער נצחון[1] איבערן פֿוקס אָדער די קו אויפֿן שער-בלאַט[2]

אַ רעטעניש : אַז מען איז אַ פֿאַרלעגער[3] פֿונעם זעכצנטן יאָרהונדערט און מע גיט אַרויס אַ בוך אויף ייִדיש מיט מעשׂיות וועגן חיות, וואָס פֿאַר אַ טיטל גיט מען עס ? „אַוואַנטורעס פֿון חיות“ ? „די מלוכה פֿון קיניג לייב“ ? „קלוגע פֿוקסן און נאַרישע אייזלען“ ? נישט געטראָפֿן. דאָס דאָזיקע בוך וואָס איז אַרויס אין וועראָנע אין 1595 האָט געהייסן „קו-בוך“. כאָטש אינעם בוך געפֿינען מיר מעשׂיות וועגן כּלערליי[4] חיות, האָט מען אַ פּנים[5] געהאַלטן די קו פֿאַר דעם אינטערעסאַנטסטן און צוציִענדיקסטן באַשעפֿעניש. אויסגעפֿירט[6] האָט דאָ די קו דער עיקר קעגן דעם פֿוקס ווײַל „קו-בוך“ איז אַ ייִדישע אַדאַפּטאַציע פֿון אַ לשון-קודשדיקער זאַמלונג „משלי-שועלים“[7] (פֿאַבלען וועגן פֿוקסן).

„קו-בוך“ האָט אַזוי אויסגענומען[8] בײַם עולם אַז פֿאַרן פֿאַרלעגער האָט דאָס געמוזט זײַן טאַקע אַ מעלקעדיקע קו. געלייענט האָבן עס מאַן און ווײַב, קליין און גרויס. נאָר אין די אויגן פֿון די פֿרומע ייִדן האָט דאָס בוך געהאַט אַ חיסרון[9]: עס האָט צו פֿיל גערעדט וועגן חיות און צו ווייניק וועגן עולם-הבא[10]. איינער פֿון אַזעלכע פֿרומע ייִדן האָט גענומען און אַרויסגעגעבן אַ בוך מיט אַ וואַסערדיקן[11] טיטל „מעשׂה-בוך“ וואָס איז געווען אַ קלוגע קעגן-אָפֿענסיווע : עס האָט פֿאַרמאָגט מעשׂיות אי וועגן חיות אי וועגן רבנים און חכמים. אין דער הקדמה[12] שרײַבט דער אַרויסגעבער, מע זאָל אויף ווײַטער נישט מער לייענען „ביכער פֿון קיִען“ נאָר זײַנע פֿרומע מעשׂיות. און כּך-הווה[13] : דאָס מעשׂה-בוך האָט געהאַט צענדליקער אויסגאַבעס און דאָס קו-בוך איז ביסלעכווײַז פֿאַרגעסן געוואָרן.

**1. NITSOKhN victoire ; 2. shAR-... page-titre ; 3. éditeur ; 4. KOLERLEY toutes sortes de ; 5. APONEM apparemment ; 6. gagné contre ; 7. MISHLE-SHUOLIM ; 8. réussi ; 9. KHESORN défaut ; 10. OYLEM HABE le monde à venir ; 11. fade ; 12. HAKDOME introduction ; 13. KAKhAVE ainsi fut-il**



# שפּריכווערטער
## פֿאַר די אָנהייבערס

נאָך אַ גאַנץ יאָר אַרבעט זײַט איר נישט מער אַזעלכע אָנהייבערס.

אין שײַכות[1] מיט דער קו-טעמע גיבן מיר דאָ איבער אַ פּאָר שאַרפֿע שפּריכווערטער וועגן קי און אַנדערע בהמות[2]. פּרוּווט זיי איבערזעצן אויף פֿראַנצייזיש אַזוי גוט ווי איר קענט נאָר און שיקט אַרײַן אין רעדאַקציע. מיר וועלן אויסקלײַבן די שענסטע און די קליגסטע ענטפֿערס און זיי אָפּדרוקן[3] אין דעם קומענדיקן נומער, דאָס הייסט אין אָקטאָבער. דערווײַל, גוטע וואַקאַציעס ! (און פֿאַרגעסט נישט אײַער ייִדיש !)

- אַז אַ נאַר האַלט אַ קו בײַ די הערנער[4] קען זי אַ קלוגער מעלקן[5].
- אַן אָקס[6] גייט קיין אָלמוץ[7] און קומט פֿאָרט צוריק אַן אָקס.
- אַז דער מזל[8] גייט, קעלבט זיך[9] דער אָקס.
- די אייזלען[10] זײַנען געגאַנגען זוכן הערנער און זײַנען צוריקגעקומען אָן אויערן.
- פֿאַר אַ צאַפּ[11] האָט מען מורא[12] פֿון פֿאָרנט, פֿאַר אַ פֿערד פֿון הינטן, פֿאַר אַ נאַר פֿון אַלע זײַטן.

1. sʜᴀʏᴋhᴇs rapport ; 2. ʙᴇʜᴇʏᴍᴇs animaux domestiques ; 3. imprimer ; 4. cornes ; 5. traire ; 6. bœuf ; 7. nom d'une ville en Moravie célèbre pour son marché à bétail ; 8. ᴍᴀᴢʟ la chance ; 9. mettre bas ; 10. ânes ; 11. bouc ; 12. ᴍᴏʏʀᴇ peur

# די מעשׂה פֿון דעם דאָרף או-הו
## פֿון ב. י. ביאַלאָסטאָצקי



**ביאַלאָסטאָצקי, בנימין-יעקבֿ**
**(1893 – 1962)**

ייִדישער שרײַבער, פּאָפּולער דער עיקר אַ דאַנק זײַנע חנעוודיקע קינדער-לידער. געבוירן אין פּומפּיאַן, קאָוונער געגנט. 1909 אָנגעהויבן צו שרײַבן . 1911 געפֿאָרן קיין אַמעריקע. דאָרטן געוואָרן אַ מיטגליד פֿון פּועלי-ציון און איינער פֿון די ערשטע גרינדער פֿון די ייִדישע שולן אין אַמעריקע. אַ לערער אין די אַרבעטער-רינג שולן. מיטרעדאַקטאָר פֿונעם ערשטן קינדער-זשורנאַל אויף ייִדיש „די קינדער-וועלט“. מיטאַרבעטער פֿון „ייִדישער קעמפֿער“, „די צײַט“, „פֿאָרווערטס“, „דער אויפֿקום“. אין בוכפֿאָרעם האָט ער אַרויסגעגעבן, צוו׳׳אַ, „בײַם ברייטן וועג“, „לידער און עסייען“ , „פֿון די שטאַמען“, „בינעלע“ (קינדער-מעשׂה).

די ווײַסע קו, די איינציקע קו,
פֿון ווײַטן, פֿון אָרעמען דאָרף או-הו,
האָט מען געקוילעט[1] אין מיטן דער נאַכט,
דערנאָך אַזאַ פֿריילעכע סעודה[2] געמאַכט,
געטיילט זיך מיט פֿלייש – מיטן לעבער און לונג,
באַטעמט צעשניטן איר רויטלעכן צונג :
האָט מען געטרונקען, געטרונקען, געגעסן,
און אָן דעם אורח[3] אין דאָרף ניט פֿאַרגעסן –
אויפֿגעגעסן די גאַנצע קו,
נאָר ניט איר מו.

און ס'האָט זיך געטראָפֿן – איר ווייסט שוין ווּו,
אין ווײַטן, אין אָרעמען דאָרף או-הו,
יאַן מיט דער בײַטש איז אַרויס אינעם טאָל,
דערהערט ער דער ווינט טראָגט אַ קְוִיש קול :
הערט ער און שטוינט[4] – מאַכט די אויגן זיך צו
ווי קען דאָ זײַן מו, אַז ניטאָ איז קיין קו !
אָ, פּאַסטוכל יאַן, אָ, פּאַסטוכל יאַן,
עס זענען פֿיל נסים[5] און ווּנדער פֿאַראַן :
מען האָט אויפֿגעגעסן די גאַנצע קו,
נאָר ניט איר מו.

אַ זאַנגעלע[6] שאָקלט זיך, וויגט זיך לו-לו,
אַזוי אויך דער אַלטיטשקער פּאַן[7] אין או-הו,
די יאָרן פֿאַרלאָפֿן, ווער ווייס זיי ווּהין ?
נאָר, קינדער, צי הערט איר, צי בין איך בײַם
זין[8] ?
פֿון טײַכעלע טראָגט זיך אַ קְוִישער מו,
דער זקן[9] שפּײַט אויס, צי שדים[10] ? – אַ טפֿו !
אָ, אַלטיטשקער פּאַן, אָ, אַלטיטשקער פּאַן,
ניט שרעק זיך, עס זענען קיין שדים פֿאַראַן –
מען האָט אויפֿגעגעסן די גאַנצע קו,
נאָר ניט איר מו.

דאָס קינד און די באָבע, איר ווייסט דאָך שוין ווּ –
אין ווײַטן, אין אָרעמען דאָרף או-הו.
די באָבע, זי שעפּטשעט און, וויקלט אַ קנויל[11],
דאָס אייניקל זיצט מיט אַן אָפֿענעם מויל.
אַ פֿליג קלאַפּט אין שויב און זי בעט זיך: זשו-זשו!
דערהערן זיי ביידע : מו-מו, און מו-מו.



די באָבע דערציילט : – אין מיטן דער נאַכט,
האָט מען אַ פֿריילעכע סעודה געמאַכט,
מען האָט אויפֿגעגעסן די גאַנצע קו,
נאָר ניט איר מו –
געבליבן איז מו.

1. געשאָכטן ; 2. sᴜᴅᴇ אַ גרויסער מאָלצײַט ;
3. ᴏʏʀᴇᴋh גאַסט ; 4. וווּנדערט זיך ; 5. ɴɪsɪᴍ (Sing. ɴᴇs נס) miracles ; 6. *dim. de* זאַנג épi ;
7. Monsieur (polonais) ; 8. פּסיכיש געזונט ;
9. ᴢᴏᴋɴ אַן אַלטער מאַן ; 10. sʜᴇᴅɪᴍ (Sing. sʜᴇᴅ שד) démons ; 11. écheveau

# אַ ליטעראַריש רעטעניש







**1. געפֿין אויס דאָס וואָרט פֿון יעדער דעפֿיניציע און שרײַב עס אַרײַן אין דער שייכדיקער שורה[1] פֿון דער פֿיגור רעכטס.**

**2. טראָג אַריבער יעדן אות אינעם שייכדיקן קעסטעלע לינקס.**

**3. אינעם ערשטן סלופּיקל[2] רעכטס דאַרף זיך לייענען דער נאָמען פֿון אַ יִידישן שרײַבער און פֿון זײַנס אַ ווערק ; לינקס - אַ שטעל[3] פֿון דעם זעלביקן ווערק.**

1. shayekhdiker shure ligne correspondante ;
2. colonne ; 3. passage, extrait ; 4. rosheteyves abreviation ; 5. yerikho Jéricho

**דעפֿיניציעס**

**א.** פֿײַנטשאַפֿט, האַס (לשון-קודש)
**ב.** אָרט פֿון שקלאַפֿן-אַרבעט און אומקום
**ג.** לאָזט זען, באַצייכנט מיטן פֿינגער
**ד.** ווונדערלעך, איבערנאַטירלעך
**ה.** יעדע פֿראַגע דאַרף האָבן אײנעם
**ו.** טײַערער, וואָס מע האָט אים ליב
**ז.** ייִנגלעך
**ח.** חנא (נאָמען פֿון אַ מאַן) אויסגעלייגט פֿאָנעטיש
**ט.** אפֿשר, אוודאי, מעגלעך (לשון-קודש)
**י.** אַ געבוירענער אין דײַטשלאַנד
**כ.** מאַכט עס זאָל זײַן אָפֿן
**ל.** ראשי-תּיבֿות[4] פֿון רבי יוסי הגלילי
**מ.** ייִדישער שרײַבער, אויטאָר פֿון היסטאָרישע ראָמאַנען : „יריחו"[5] א״אַ, שמואל ........
**נ.** אַדרעסירט, שיקט
**ס.** הונדערט מאָל הונדערט
**ע.** ראשי-תּיבֿות : רבי יצחק בעל אור זרוע

**ענטפֿער אויפֿן קעסטלשפּיל :**

| 9 | 8 | 7 | 6 | 5 | 4 | 3 | 2 | 1 | |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| ע | | נ | ש | א | ט | נ | א | ה | א |
| ס | פ | א | נ | ש | | י | י | א | ב |
| | א | כ | ע | | ט | י | ל | פ | ג |
| א | נ | | ק | | | נ | א | | ד |
| | ט | ס | ע | ב | | | | ס | ה |
| | ש | | ס | ו | ק | ס | ו | ק | ו |
| ץ | ק | | | ל | ו | ע | | א | ז |
| ד | ע | א | | ב | | ר | י | ר | ח |
| | ס | ע | ס | ע | י | פ | | ע | ט |

AEDCY
*Der Yidisher Tamtam*
B.P. 3256
75122 Paris CEDEX 03

